# אַ בריוו

מיין ליבער ש. קורץ: —

אַ ספּאַזם פון פרייד איז באַפאַלן מיין געמיט, ווען כ'האָב דערזען; אַז דו דערמאָנסט אויך מיין ליד ווי אַ „געזונטע אילוסטראַציע" אין דעם צעטל פון „ווייט דערגרייכטע סטאַנציעס פון וואַנען די קינסטלער דאַרפן אָנהייבן זייער סובלימסטן גאַנג" („1926" ערשטער־צווייטער נומער). מיין ליד רעכנט און דיין „פיגאַראָ" לינקס זאָלן עס אונטערהאַלטן מינקאָווס „קיד קאַרטער" אין ליכטס „פּראָצעסיע" (דרימע). (ווי עקזאַקט, פּרעציז, מאַטעמאַטיש פּינקט־לאַך דו ביזט! ווי עס דינט דיר דיין זכרון בנוגע די אַלע נומערירטע פּראָצעסיעס!)

כ'האָב זיך שוין לאַנג געקליבן דיר צו שרייבן עטלאַכע ווערטער, אָבער קיין געבענטשטערע געלעגנ־הייט ווי די דאָזיקע, האָב איך קיינמאָל נית געקענט קריגן. איך פאַרזיכער דיר, אַז איך באַצי זיך ערנסט צו אַלץ, וואָס דו שרייבסט, איך פאַרזיכער דיר, אַז איך האָב מיט גרויס התמדה דורכגעליינט דיין אַרטיקל „וואוהין גייען מיר?" דורכגעליינט דער־פאַר ווייל ביי מיר האָט זיך געפּלאָנטערט אַז דו ביסט דער טעמפּעראַמענטפולסטער און באַוואוסטזי־ניקסטער פון דיין גרופּע 1926-1925 (ביז הונדערט און צוואַנציק).

איך האָב געליינט און געזופּט און שטודירט און ס'איז געווען, זאָג איך דיר, אַ פיינלאַך געפיל צו אַנטדעקן, אַז איך האָב אומזיסט פאַרשאַפט (אין פּער־זענלאַכע געשפּרעכן) קרענקונג אונדזער ביידנס גוטן ליבן אינטעליגענטן פריינט מיכל ליכט. איך האָב אומזיסט געזוכט דיין סטיל, דיין אַרט שרייבן, איך האָב אומזיסט געלייגט האָפנונגען, אַז ענדלאַך וועט מיר קלאָר ווערן וואוהין מיר אַלע גייען און אַז איך וועל זיך איינפּאַקן מיין האָב און גוטס און מיט אייך צוזאַמען זיך לאָזן אין וועג אַריין.

איך האָב געליינט און געליינט און בין געווען פּשוט געפּלעפט, ווען כ'האָב אַנטפּלעקט, אַז דיין גאַנץ אַרטיקל איז געשריבן אונטער דעם ליכטיקן איינפלוס פון מיל ליכט!

גוואַלט און קאַראַול און נאָך אַמאָל גוואַלט און סאַקראַמענטאָ! פאַרוואָס האָבן מיינע לעפצן אונטער־שעצט די וויכטיקייט פון מיכל ליכט ווי אַ וועג ווייזער און מדריך פאַר אייער גרופּע. דאָס גאַנצע העפט „1926" טראָגט דעם שטעמפּעל פון מיכל ליכט. אונדזער ליכט מאַכט שולע. ווי זינגט ערגעץ נאָמבערג אין זייער אַ שלעכט ליד—אוי, אוי, אוי און כאַ, כאַ, כאַ!

איך זאָג דיר ס'איז צו שטוינען, ווי שנעל איר זענט אַלע, גאַנץ ר אָ ב ו ס ט ע דיכטער, אַרונטער־געפאַלן אונטער דעם ב ע נ ע ו ו אָ ל ע נ ט ן איינ־פלוס פון ליכטס חנעוודיקן סיגנון.

„דער גאַנג פון אונדזער לעבן איז (זאָגסטו) פּאַזע ברעגען פון קאַנאַוועס (און כדי צו פאַרשטאַרקן דעם רעיון גייסטו ווייטער און זאָגסט) וואו עס שלעפּן זיך אין רינשטאָקן אַריין די פּאַטענצלאָזע זאַפטן פון אָפּגעטעמפּטן לעבן וואָס האַלט זיך נאָך אָן אָן דער פּעריפעריע פון זיינע לעצטע בליצלאָמפּן".

האָבן דיינע הענט פאַרגאָסן אָט דאָס ביסל טינט?

ניין, און טויזנט מאָל ניין, ווי ס'האָבן מינקאָווס הענט נית אָנגעשריבן זיינע שווער־לויביקע פּאַראַג־ראַפן וועגן דער קריטיק (אגב זייער אַ נאָבעלע אַרבעט פאַר אַ מאָדערנעם פּאָעט!) ווי ס'האָבן לעווס הענט נית אָנגעשריבן זיינע „מאַקסירנדע געבאָטן".

ליכט איז שולע! זיין איינפלוס איז אומגע־היער! איך מוז עס צוגעבן, איר מוזט עס צוגעבן, אַלע וועלן עס צוגעבן, דערפאַר דאַרף עס פאַרצייכנט ווערן. זאָל ד ע ר באַקרוינט ווערן, וועמען עס קומט אַ קרוין.

און דאָ וויל איך עפּעס באַמערקן:

אין פערטן נומער פון דעם באַנייטן אין זיך, האָב איך שרייבנדיק וועגן לעיעלעסן געמאַכט די ערשטע צעטיילונג. איך האָב דאַן גערעדט וועגן קאָנ־סערוואַטיווע מאָדערניסטן און אַזוי גערופענע אולטראַמאָדערניסטן. איך האָב שוין דאַמאָלס איינ־געזען די געפאַר פון לויפן איבער אַלע פּלויטן און דערלויפן ביז אין וואַסער אַריין. מיר, די מאָדערנע אידישע דיכטער, האָבן אויפגעפּראַלט אַלע טויערן, אויסגענוצט אַלע וועג־פריוהייטן און דערלאָפן ביזן סאַמע ברעג, עס איז שוין דערפאַר געקומען די צייט צוריקצוגיין און אויפקלויבן אַלץ וואָס מען האָט פאַרלוירן אין וועג, אַנשטאָט דעם זענט איר אַריין אין וואַסער אַריין, און אַרונטער מיט אַייערע לידער אין די פּראָזע־אָפּגרונטן.

מיכל ליכט האָט אַפילו פאַרן וואַסער מורא געהאַט און איז אַריין אין אַן אמתער אידישער מקווה, וואו ער טובלט זיך אין דעם שטייענדיקן וואַסער אויף אַן אמת גוט־אידישן, גוט־צונזערשן שטייגער און ר י י מ י ר ט אַפילו זיינע פּסוקים אויפן שטייגער פון לינעצקי:

חכמה האָט אַ גרויסע זנאַטשעניע,
עס איז פיל בעסער ווי צו האָבן אַן אויגענע אימעניע.

אַזוי אָדער כדומה אַזוי האָט געשריבן לינעצקי, אַזוי אָדער ערגער. אַזוי זיינען געשריבן זיינע לידער, וואָס קומען דירעקט פון דער קאַ־באַ־לאַ (מיין נאָנטער טיעסעליאַטישער פריינט, ווי אידישלאַך באַהאַוונט ער איז עס געוואָרן!).

וואוהין גייען מיר? פרעגסטו. מאַקע, וואוהין גייט איר? איך האָב געהערט פון זויטיקע גוטע פריינט, אַז איר זענט שוין אַוועק ווייטער פון דעם אין זיך (תנצב"ה — ווידעראַמאָל ליכטס מצבה־קרי־צערישע אַרבעט!). וואו זיינט איר אַוועק? וואָס באַטייט איר אַלס גרופּע? אַלס ליטעראַרישע גרופּע פיל איך, אַז איר ווילט זיך „האַמערן" ערגעץ אַוועק צו די קאָמוניסטישע פּאָעטן, אָבער אַנשטאָט אַרויס־קומען מיט דעם גאַנצן (נאָבאַלעמען ערלאַכן) שוין שאַבלאָנירטן מענה־לשון, לאַווירט איר נאָך צווישן וויס־איך־וואָס און וויס־איך־ווען.

שפּראַכלאַך גייט איר צו דער זשאַרגאָניזירונג פון דער שפּראַך, וואָס איז מיר זייער ליב. פּאָעטיש האָט איר דעגענערירט

א
ר
אַ
פּ.

דו אַליין האָסט זיך גענומען אויף אַ געשוויטן אָבער אויגן־שטעכערישן אופן נאָכמאָן לעיעלעסן מיט זיינע דורכשפּריצנדיקע גראַמען, וואָס ער טוט, כ'לעבן, אויף אַ סך אַ געשיקטערן אופן פון דיר. פון דיין „פיגאַראָ" ביסטו צוריק צו דיין אייגענעם „כאַאָס" (ניט קיין אינטערעסאַנטער כאַאָס איז דאָס געווען, ווי דו אַליין האָסט זיך ניט איינמאָל פאַר מיר מודה געווען), און ווילסטו עס בלויז פאַר־וואַסערן מיט אַ קאַפּיטשקע פּראָלעטאַרישקייט, איז עס אָסור איבערצייגנד, ניט פאַר מיר און ניט פאַר אַלגינען.

ליעוו האָט ד י ר ווידער אויף אַ געשוויטן אופן גענומען נאָכמאַכן און גייט אויך

אַ אין
ר דער
אַ ערד
פּ אַריין.

אַ רחמנות אויף זיין צאַרט טאַלענטל, וואָס האָט זיך דווקא אַ נעם געטאָן צו דער „אייביקער אינ־דוסטריע".

אויף מינקאָוון, ווען עס איז געלונגען, נאָך שווערער אַרבעט אויף זיך, צו ווערן אַ פּאָעט, איז אַ הימל־שרייענדיקער רחמנות. ער איז נעבאַך פאַר־וואָגלט, און אָן פריינטלאַכע, ערלאַכע עצות.

ליכט האָט מיט זיין כאַראַקטעריסטישער „מיטן פינגער אין הימל"־מבינות, דאָרט אויסגעקליבן איינעם פון זיינע ערגסטע אומדיסציפּלינירטע אויס־גוסן און עס פאַרשריגן פאַר אַ ריזיק ווערק, און ס'איז אַוועק איבער אַלע מבינות.

אַלעף מ. כצן, אַ פיינעם צוזאָגנדיקן דיכטער, האָט איר באַזייטיקט. יעקב סטאָדאָלסקין האָט איר צע־טומלט און ער דרייט זיך אַרום און האָט נעבאַך הנאה פון אַלץ וואָס איר אַלע שרייבט. באַסיע מ. קופּערמאַנען, ווי אַ סך דערציילן, אַ גאַנץ וואוילע אָנפאַנגערן, האָט איר גענומען אונטער אַייערע פליגל און — זאָל זי דער גאָט פון פּאָעזיע אַרויס־ראַטעווען.

איך זע און באַגרייף, אַז איצט רייסט זיך ביי דיר שוין אַ שטאַרק וואָרט. דו ווילסט מסתמא פרעגן, מיט וואָס פאַר אַ רעכט מאַך איך אַזעלכע סך־הכלם. פאַרגעס אָבער ניט, אַז דו אַליין האָסט מיך שריפט־לאַך דערקלערט פאַר דעם מייסטער פון דער אונטער־ספּעקטיווער פּאָעזיע, פאַר דעם דעקאָראַטיווסטן פון אייך אַלעמען (אַזוי האָסטו מאַקע געזאָגט — דעם דעקאָראַטיווסטן פון אונדז אַלעמען), דו אַליין האָסט מיינס אַ ליד פאַרגליכן צו אַ ליד פון „פיגאַראָ", אַ ליד וואָס איז דיר נאָענט און טייער.

אָט דאָס וואָס איך האָב דיר איצט געשריבן (ווי ליכט האָט געזאָגט) אין דרוי־פערטל טאַקט, איז (ווי־דעראַמאָל ווי ליכט האָט געזאָגט צום גראַם) אַ געפּער־לאַבער אַקט. איך קלייב זיך איצט מיט אַ בוך לידער, און אויף ווערענס, אויב ניט אויף אייער געגאַד דאַרף איך האָפן, צו ווערן, אויב ניט צו אייך חברים, מיט ווערן איך האָב געקעמפט אויף די באַריקאַדן (לויט מיין פּרויגט פיינבערגס אויסדרוק) דאַרפן מיינע אויגן זיין געווענדט, ווייל אויב ניט איר, מאָ מאין יבוא עזרי? ווער וועט זיך אויף מיר דערבאַראַמען?

די גרויסע אויספירלאַכע אַרבעטן, וואָס קלייבן זיך אויף מיר פון מינקאָווס פען (ווי ער האָט מיר געזאָגט), פון ליכטס פען (ווי ער האָט מיך פאַר־זיכערט), פון דיר אַליין, ווי דו ו ו ע ס ט מסתמא מיט גאָטס הילף, אָבער די אַלע דאָקומענטן שלומערן נאָך ביי אייך אין די שופלאָדן און קענען, חלילה, „בעדויטענד" לי דן פון מיין איצטיקן אַרויסטריט, פאַרוואָר — אַ געפּערלאַבער אַקט!

אָבער אַלץ וואָס איך זאָג דאָ האָב איך דיר שוין אַ סך מאָל געזאָגט און כ'האָב מיט דיר לעצטנס גע־מאַכט אַ באַשטימונג און דו ביסט ניט געקומען. כ'האָב זיך געטוזט ערגעצוואו באַפרייען פון דעם וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגן, זיי מוחל! דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב שוין אַ לאַנגע צייט קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן חברים אין דער ברייטער עפנטלאַכקייט.

איך בעט דיר נאָר, זאָלסט זיין פאָרזיכטיק מיט דעם אופן ווי דו וועסט מיך צוריקזידלען. גיב עס מיר פריער צו לייענען, כדי עס זאָל אַרויס־קומען לייטישער, עלעגאַנטער און קריג זיך ניט מיט מיר, ווייל סוף כל סוף האָט איר דאָך אַ ברירה צו טאָן ווי פאונד זאָגט ערגעץ:

Damn you, sing: Goddamm!

דיין יעקב גלאַטשטיין.

## בן ציון בורשטאָק

פרייטיק, דעם 5טן פעברואַר, 1926, איז געשטאָרבן דער יונגער דיכטער בן ציון בורשטאָק, אין עלטער פון פיר און צוואַנציק יאָר.

ב. צ. בורשטאָק האָט געשריבן לידער אין אידיש, העברעיאיש און רוסיש. זיינע אידישע לידער האָט ער פאַרעפנטלאַכט אין פרייהייט, פעדער, אויפ־גאַנג, פרייע אַרבעטער שטימע, קונדס, יונג־קוזניע, א. א.

איבערהויפּט האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע קינדער־לידער.

די יונגע אידישע דיכטונג האָט אין בורשטאָקן אָנגעוואָרן אַ פיל־צוזאָגנדיקן דיכטער. כבוד זיין נאָמען.